הונדערטפּאַכיק, און איינער זעכציקפּאַכיק, און
איינער דרייסיק.
24 אַן אַנדער משל האָט ער פֿאַר זיי פֿאָרגעלייגט,
אַזוי צו זאָגן: דאָס מלכות השמים איז גלייך צו
אַ מענטשן, וואָס האָט געזייט גוטן זאָמען אין
25 זיין פֿעלד. און בשעת די לייט זענען געשלאָפֿן,
איז געקומען זיין שונא און האָט פֿאַרזייט אומ־
26 קרויט צווישן דעם ווייץ, און איז אַוועקגעגאַנגען.
און ווען דאָס גראָז האָט אויפֿגעשפּראָצט, און
געבּרענגט פּרוכט, האָט זיך דעמלט אויך דאָס
27 אומקרויט באַוויזן. און די קנעכט פֿון דעם בעל־
הבית זענען צוגעגאַנגען און האָבן געזאָגט צו אים:
האַר, צי האָסטו דען נישט געזייט גוטע זריעה אין
דיין פֿעלד? פֿונוואַנען זשע האָט עס אומקרויט?
28 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: דאָס האָט אַ מענטש,
אַ שונא, געטאָן! זאָגן די קנעכט צו אים: צי ווילסטו
זשע אַז מיר זאָלן גיין און עס אויסרייסן? זאָגט
29 ער: ניין, טאָמער, אויסרייסנדיק דאָס אומקרויט,
וועט איר צוגלייך דערמיט אויך אויסוואָרצלען
30 דעם ווייץ. לאָזט בּיידע וואַקסן צוזאַמען בּיז צום
שניט, און אין דער צייט פֿון שניט וועל איך זאָגן
צו די שניטער: רייסט צום ערשט אויס דאָס אומק־
רויט, און בּינדט עס אין בּינטלעך, כדי מען זאָל
עס פֿאַרבּרענען; דעם ווייץ אָבער זאַמלט איין אין
מיין שייער אַריין.
31 אַן אַנדער משל האָט ער פֿאַר זיי פֿאָרגעלייגט,
אַזוי צו זאָגן: דאָס מלכות־השמים איז גלייך צו אַ
זענעפֿט־קערנדל, וואָס אַ מענטש האָט גענומען,
32 און געזייט אין זיין פֿעלד. דאָס איז דאָס קלענסטע
פֿון אַלע זריעות; נאָר ווען עס וואַקסט אויף, איז
עס גרעסער ווי אַלע קרייטעכצער, און עס ווערט